Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 115 | Łódź, Wtorek 19 maja 1931 r. | נייַנטער יאהרגאַנג | לאָדז, דינסטאַג ג' סיון תרצ"א | № 115

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 71=224

# איבערגעגעבן דעם האַגער שידסגעריכט

## די פראַגע פון דער דייטש-עסטרייכישער צאָל-אוניע

## אָנגענומען דעם ענגלישן פאָרשלאַג

ג ע נ ף, 18 (טז) היינט האָט זיך אונטערן פאָרזיץ פון דייטשען אויסערן-מיניסטער קורציוס געעפנט די סעסיע פון פעלקער-ליגע ראַט. די ערשטע זיצונג איז געווען אַ געהיימע.

אויף דער צווייטער זיצונג האָט גענומען אַ וואָרט דער ענגלישער אויסערן-מיניסטער הענדערסאָן און פאָרגעלעגט, אַז דייטשלאַנד און עסטרייך זאָלן נישט אונטערנעמען קיין שום ווייטערע שריט וועגן דער צאָל-אוניע ביז ס'וועט אָנקומען אַן'ענטפער פון האַגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל וועגן דעם, צי די צאָל-אוניע שטעהט נישט אין סתירה צו אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע אָפּמאַכען און אויב יאָ, צו וועלכע.

הענדערסאָן האָט זיך דאַן געווענדעט צום עסטרייכישען קאַנצלער שאָבער, צי ער נעהמט אָן דעם פאָרשלאַג. קאַנצלער שאָבער האָט געענטפערט אַז יאָ, ער האָט אָבער שאַרף פּראָטעסטירט געגען דעם פראַנצויזישען מעמאָראַנדום, וועלכע איז חושד עסטרייך אין ברעכען אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכען.

אויך דער דייטשער אויסערן-מיניסטער קורציוס האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פּראָטעסטירענדיג געגען בריאַנ'ס שטאַנדפּונקט. הענדערסאָנ'ס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען.

דער ענין ווערט דעריבער איבערגעגעבן אָפּגעלעגט ביז דער סעפּטעמבער-סעסיע פון פעלקער ליגע-ראַט.

## אַזוי ווי אין טשיקאַגאָ...

### דרייסטער באַנדיטען-אָנפאַל אין קראָקע

ק ר אָ ק אָ, 18. (וויפּ) היינט איז דאָ פאָרגעקומען אַ זעלטענדרייסטער באַנדיטען אָנפאַל. דעם 7־ר קעלער האָט מען אַרויסגערופען צו אַ קראַנקען אויף זיגמונט-אויגוסט-גאַס. באַלד ווי ער איז אַריין אין שטוב פון כלומרשטען קראַנקען, האָט מען איהם געבונדען און געצוואונגען אָנצושרייבען אַ בריף צום אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָר גלעטצל אַז ער זאָל גלייך קומען אויף אַ קאָנסיליום, אויך דער פּראָפעסאָר איז גלייך געבונדען געוואָרען און געצוואונגען געוואָרען אָנצושרייבען אַ בריף צו זיין פרוי, אַז זי זאָל אָפּנעהמען פון דער באַנק 4000 דאָלאַר און זאָל קומען צו איהם. ד' פרוי גלעטצל האָט ערפילט דעם וואונש פון איהר מאַן און איז געקומען. מ'האָט איהר צוגענומען דאָס געלד און די באַנדיטען זענען אוועק. די בעפאַלענע האָבען געמאַכט אַ טומעל און ס'איז אָנגעקומען די פּאָליציי. די באַנדיטען האָט מען געכאַפּט, בעת'ן געיעג איז איינער פון זיי פערוואונדעט געוואָרען.

קופּאָן № 11
פון גרויסען
פּרעמיען-קאָנקורס
פון „נייעם פאָלקסבלאַט"
כדי זיך צו בעטייליגען אין פּרעמיען-קאָנקורס איז גענוג
צו צושטעלען בלויז 30 קופּאָנען

## די פאָסט-אַפערע אין ירושלים

י ר ו ש ל י ם, 18. (יט"א טעלעגראַפיש) אין שייכות מיט דער גרויסער אַפערע פון דער פּאָסט, האָט זיך איינער פון די פּאָסט-בעאַמטע שוין מודה געווען אין אַ דעפּרויזאַציע פון 6,500 פונט.

בלב מלא יגון ואנחה אנו מודיעים ע"ד האסון הנורא שקרא לנו בהלקח מאתנו עטרת ראשנו היקר איש מצוין, בעל-צדקה, עסקן צבורי באמונה בכל כחותיו

נ"ע מאיר ב"ר יצחק ז"ל אייזנער

שנפטר בש"ק בערב בבערלין בשנת 49 לימי חייו

ההלויה תהי' היום ביום ג' ג' לח' סיון תרצ"א בשעה 10 בבקר מבית האבל רחוב נארוטאוויטש 36 — השרויים בצער עמוק:

משפחתו המתאבלת

15 — געגען דעם פינסטערן קלעריקאַליזם פון דער „אגודה" און דער אַסימילאַציע פון „בלאָק גאָספּאָדאַרטשי" געגען דעם סיסטעם פון פּראַטעקציע ביים אויסמעסטען „עטאַט"

קעמפט דער איינציגער אַרבייטס-ציוניסטישער בלאָק

פאַר אַ נאַציאָנאַל-וועלטליכער, דעמאָקראַטישער קהלה, וואס זאל בעפרידיגען אַלע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע און סאָציאַלע בעדערפענישען פון די יודישע פאָלקס-מאַסען.

שטימט און אַגיטירט פאַר דער ליסטע נ' 15

2 — וואַהל-קאָמיטעט פון אונפּאַרטייאישע רעליגיעזע יודען אַלטשטאַדט, באַלוט, ראַדאַגאַשטש, זובאַרדז.

היינט, דינסטאַג, דעם 19-טען מאַי ד. י., 7 אזייגער אָוועגד קומט פאָר אין לאָקאַל פון „נותן לחם" (סאָלנאַ 14)

אַ גרויסער וואַהל-מיטינג

געווידמעט די איצטיגע קהלה-וואַהלען.

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען: ג. וואָלמאַן, ה' פּעטער, ה' פאַנטעל, ה' שמולעוויטש, ה' האַמבורגער, ה' ראַזען, ה' מאַרקעוויטש און ה' פּטאַשניק א.א.

יודען, ווילט איהר האָבן אייערע אמת'ע פאָרשטעהער אין דער יוד. קהלה, שטימט פאַר אייער ליסטע 2.

אַלע יודען שטימען
זייער אייגענער ליסטע

קומט מאַסענווייז!

דאָס קאָנצעסיאָנירטע
עלעקטראָטעכנישע ביוראָ
פון מ. וואַלדמאַן
נעמט אָן ליכט- און קראַפט-אַנלאַגען
צו מעסיגע פּרייזען
ביים טאַמבורירער נ. וואַלדמאַן
ווסכאָדניאַ 50, טעל. 23=147

30 וואַהל-קאָמיטעט פון „דת ועבודה"
צו די קהלה-וואַהלען אין לאָדז

אַלע עהרליך-דענקענדע רעליגיעזע יודען — אַלע רעליגיעזע אַרבייטער און יוגענד

אַגיטירען און שטימען ביי די וואַהלען צו דער לאָדזער קהלה פאַר דער ליסטע פון „דת ועבודה" נומ. 30.

אונזערע ערשטע קאַנדידאַטען זענען די עהרליכע און בעליבטע פאָלקס-מענשען. 1) ר' אברהם וואָלפיש, 2) אהרן פעליכס, 3) חיים רעדער.

היינט, 9 אָוועגד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אויף נאָוואָמיעסקאַ 4 אַ אַלגעמיינע חברים-מאָביליזאַציע וועגען די קהלה-וואַהלען. רעפערירען וועלען די חברים: 1) פנחס וואַסערמאַן משה מייטרליב, ש. פּאַלמאַ, מאיר הערצבערג, יחיאל שיפער א"א חברים און סימפּאַטיקער קומט מאַסענווייז!

24 — 3 גרויסע וואַהל-מיטינגען
פון פעראייניגטן רעל. אַרב.-וואַהל-קאָמיטעט ביי „פועלי אגודת ישראל"

היינט, דינסטאַג, 8 אָוו. קומט פאָר 2 מיטינגען: 1) גייערס ראַיאָן פּיעטריקאָווער 294, אין קליינהענדלער-זאַל, 2) אין אייגענעם לאָקאַל פון פּא"י ווסכאָדניאַ 66. 3) מאָרגען, מיטוואָך, 8 אָוו. אין „זאַל אייראָפּעיסקי", זגערזשער 17. מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען די ח"ח: ד. ה. זילבערשטיין, פרנס צצדערבוים, ראַטמאַן מ. צילויער, דוד באָמאַק, רעד. פ. לאַנדענבערג, לייבל שטשעקאַץ, נתן נוסבוים א"א. איינגאַנג פריי! חברים, קומט מאַסענווייז!

שטימט און אַגיטירט פאַר דער ליסטע 24

